# א גרוס פון שיעור ד׳

קורצע נייעס׳ן און אנטוויקלונגען
איבער דעם התחלת הזמן אין

## ישיבה גדולה תורה ויראה

### דרב״י ד׳סאטמאר - שיעור ד׳

קרית יואל יצ״ו

**כד עייל שעת״א - חשון תשע״א**

# ברוך שהחיינו והגיענו ל״זמן״ הזה!

געלויבט השי״ת אז מיר האלטן שוין דא נאך דעם לאנג-ערוווארטעטן מאמענט פון די פתיחת שערים פון דעם איבערגעפרישטן העכסן מסגרת אינערהאלב ישיבתינו הגדולה תורה ויראה דרבינו יואל, שיעור ד׳, בשעה טובה ומוצלחת.

דער יעצטיגער מאמענט איז א שמחה ותענוג רוחני פאר׳ן גאנצן ציבור אנשי שלומינו דורשי שלום ישיבתינו הק׳, אנגעהויבן ביי די גליקליכע תלמידי שיעור ד׳, די חשוב׳ע צופרידענע עלטערן און זיידעס, און אלע אנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאטמאר מכל קצוי תבל, וועלכע באגריסן די הערליכע תיקונים און פנים חדשות שבאו לכאן על בנינו ועל דורותינו.

יעצט ווען די זאך איז שוין מער וויניגער מסודר, די יסודות׳דיגע ארבעט איז שוין פארטיג ותשלם כל המלאכה, די בחורים זיצן און לערנען מיט א חשק און התמדה, די צרכי גשמיות זענען ב״ה צוגעשטעלט אויפ׳ן שענסטן פארנעם, און אלעס פארט ב״ה כשורה, ערלויבן מיר זיך יעצט צו נעמען אביסל וואקאציע נאך אזא שווערע ארבעט, און זיך אראפזעצן כאפן א פריינדליכע ברידערליכע שמועס מיט אחינו לדעה אנשי שלומינו.

ווי באקאנט איז עס ווייט נישט געווען קיין לייכטע אונטערנעמונג, און נאך אסאך שווערער ווי מיר האבן זיך גערישט פון אנהויב, נאר מיר האבן זיך אריינגעלאזט אין די ארבעט עפ״י פקודת קדשו ובברכתו המלאה פון הוד כ״ק מרן רבינו עטרת ראשינו שליט״א ריש מתיבתא רבתי, וועלכער האט אונז שטארק געמוטיגט און מחזק געווען, און מיר זענען איבערצייגט אז דער זכות פונעם גרויסן מייסד הישיבה מרן רביה״ק זי״ע, וואס האט אויפגעשטעלט די ישיבה בזיעת אפו, וזכות ממשיך דרכו מרן רבינו בעל ברך משה זי״ע, ביי וועמען די ישיבה איז געווען כבבת עינו, און די סייעתא דשמיא וואס באגלייט ווייטער יבלחט״א דער ראש ישיבה מרן רבינו שליט״א, היינו דאהני, דאס האט אונז אויסגעגלייכט די וועג און געברענגט הצלחה אויף טריט און שריט.

עס איז נישטא די ווערטער ארויסצוברענגען די שמחה און הנאה ווען מ׳באטראכט דער סך הכל וואס מ׳האט אויפגעטוען. מען זעהט ב״ה ווי מ׳האט מצליח געווען למעלה מן המשוער. ס׳איז א פארגעניגן צו כאפן א בליק אריין אין שיעור ד׳ און זעהן א פילע היכל הביהמ״ד פון בחורי חמד, וועלכע זענען עוסקים בתורה מיט התמדה וחשקת התורה, און דאס צופרידנהייט שטראלט פון אלע פנימ׳ער, סיי ביי די בחורים זעלבסט, ביי די גאנצע שטאב און ביי אלע עלטערן. דאס איז אונזער שכר, דאס גיט אונז חיזוק אויף ווייטער.

פארשטייענדיג אז דער הערליכער מסגרת שיעור ד׳, איז נישט אונזערס א פריוואטע אונטערנעמונג, נאר א נחלת הכלל און מיר זענען נישט מער ווי די שליחי הציבור, ובפרט ווען מען נעמט אין באטראכט ווי דער גאנצער ציבור האט מיטגעהאלטן יעדע איינצלהייט און פאלגט נאך ווייטער מיט אינטערעסע יעדע אנטוויקלונג, שפירן מיר אלס א דבר בעתו מיטצוטיילן דעם ציבור מיט פארשידענע שיינע אנטוויקלונגען און נייעס׳ן וויאזוי דער זמן האט זיך ב״ה אנגעהויבן מיט׳ן רעכטן פיס.

**בכבוד רב**

## הנהלת הישיבה - שיעור ד׳

**שלמה בריסק - שמואל לייביש וויינבערגער - אברהם סופר -**
**אלימלך הכהן דייטש - אהרן שמואל שרייבער - יוסף גרובער - שלום יוסף לעווינגער**

# ״רעגיסטראציע״; אַן אומאפיציעלע קבלת פנים

- הערצליכע באגריסונג צווישן די בחורי חמד און הנהלת הישיבה -

די ערשטע עפנטליכע קבלת פנים צווישן די חשוב'ע בחורים מיט די חברי הנהלה פון שיעור ד' איז געווען ביי די געלונגענע ״רעגיסטראציעס״, וואס זענען פארגעקומען נאך סוכות, אין בעפארגרייטונג צום פתיחת הזמן.

אין וויליאמסבורג איז פארגעקומען די רעגיסטראציע אין נייעם ביהמ״ד דקהל יטב לב אויף סאוט 8, און אין קרית יואל אין ביהמ״ד בית שמואל בנימין דקהל יטב לב אויף די ראוונע גאס אין שכונת עצי תמרים.

די רעגיסטראציעס זענען געווען א זעלטענע געלעגנהייט פאר די חשוב'ע בחורים זיך צו טרעפן פערזענליך מיט די הנהלה רוחניות און גשמיות, און כאפן א שמועס אינאיינעם צו הערן דעטאלירטע פרטים איבער די רייכע זמן וואס ס'ווארט זיי אפ.

די הנהלה האט אויפגענומען יעדן בחור באזונדער מיט ברידערשאפט, און אויסגעשמועסט אלע איינצלהייטן און געמאכט זיכער אז יעדער איז מסודר עצהי״ט.

סיי די בחורים און סיי די חברי הנהלה זענען ארויסגעגאנגען פון די רעגיסטראציעס מיט אן אויפגעהייטערטע שטימונג און שטארק אפטאמיסטיש אויף א געלונגענעם זמן בעז״ה.

# פתיחת שערים אין א מזל'דיגע שעה

זונטאג פ' וירא איז געווען דער גליקליכער טאג ווען ס'איז געעפנט געווארן די שערי הישיבה שיעור ד', צו די צופרידנהייט פון די חשוב'ע בחורים, אלע עלטערן און די גאנצע שטאב.

אין די ערשטע וואך פונעם זמן, וויבאלד דער בנין הישיבה אויף חברון גאס איז נאכנישט פארטיג געווען, איז דער אכסני' של תורה געווען אינעם דערנעביגן ביהמ״ד בית שמואל בנימין אויף די ראוונע גאס.

די ארומיגע תושבים האבן באוואונדערט דעם הילכיגן קול תורה און תפילה וואס ס'האט זיך ארויסגעהערט פונעם ביהמ״ד דורך די תלמידי הישיבה שיעור ד'.

דער אכסני' לאש״ל איז געווען אין די ערשטע וואך אויפ'ן אויבערשטן שטאק פונעם בנין ״קרן ויואל משה״, וואס די הנהלה האט ספעציעל ארויסגעדינגען ביז וויילאנג דער בנין הישיבה ווערט פארטיג.

# מאסיווע רענאוואציע פון א' ביז ת'

- פון היכל ביהמ״ד ביז דארמיטארי אלעס אהערגעשטעלט ברוב פאר והדר -

במשך די פארגאנגענע וואכן בעפאר'ן פתיחת שערים איז אנגעגאנגען א העפטיגע בוי ארבעט און רענאוואציע צוצורישן דעם צייטווייליגן בנין אויף חברון גאס, אלס א פאסיגע אכסני' של תורה ויראה מיט אש״ל מלא מיט די מאקסימום הרחבת הדעת לתועלת התלמידים.

די ארבעט האט ארייגענומען אלע ערליי חלקים און געברויכן מחוט ועד שרוך נעל, אלעס וואס ס'פעלט זיך נאר אויס פאר א ישיבה איז אהערגעשטעלט געווארן אין א גאר קורצע צייט אויפ'ן שענסטן פארנעם, ווי א הערליכער היכל הביהמ״ד, שיעור שטיבער, גרויסע לאנטש-רום פאר די טאג טעגליכע סעודות און מסיבות מזמן לזמן, א דערנעביגע קאך אויסגעשטאט מיט אלע עקוויפמענט, א דארמיטארי צום שלאפן, וואש-רום, לאנדרי רום וכל המסתעף.

אויך האט מען זיך גענומען צו די ארבעט אהערצושטעלן אן אייגענעם מקוה פאר די בחורים, וואס האלט שוין כמעט ביים ענדע, וואס איז א געוואלדיגער תועלת פאר די בחורים אז מ'זאל זיך נישט דארפן שלעפן יעדן טאג ובפרט אין די קאלטע ווינטער טעג צו ארומיגע מקוואות און פארברענגען איבריג צייט.

ביי דער געלעגנהייט מוז אויסגעדרוקט געווארן ברבים א דאנק פאר די צענטראלע הנהלה פון די מתיבתא, וואס האבן אינוועסטירט שווערע געלטער פאר די מאסיווע אונטערנעמונגען, אז מ'זאל קענען אלעס אהערשטעלן אויפ'ן בעסטן אופן. זיי האבן נישט געשפארט קיין צייט און געלט, און זיי זענען צוגעשטאנען צו יעדע זאך מיט א שטארקע איבערגעגעבנהייט לתועלת התלמידים. ישר כחם וחילם לאורייתא!

צו די זעלבע צייט דארף מען באדאנקען דעם געטרייען אדמיניסטראטאר פון שיעור ד', העסקן היקר מו״ה שמעון יואל גוטמאן הי״ו, וואס ליגט ראשו ורבו אין שיעור ד'. ס'איז נישט צום באשרייבן וויפיל צייט און כח, מיה און פלאג ער האט שוין מקריב געווען פאר די ישיבה, און מיט וואספארא געטריישאפט ער ארבעט טאג טעגליך צו מאכן זיכער אז אלעס איז מסודר עצהי״ט. זכות הרבים תלוי בו.



די בנין הדארמיטארי אינמיטן די העפטיגע בוי ארבעט

# אסיפת פתיחת הזמן בבית מרן רבינו שליט״א

**- הנהלה רוחניות וגשמיות געבן איבער א באריכט א טאג נאכ׳ן פתיחת שערים -**



באלד נאכ׳ן געלונגענעם פתיחת שערים, א טאג דערויף, אום מאנטאג פ׳ וירא העעל״ט איז פארגעקומען אן אסיפה בביתו נאוה קודש פונעם ריש ישיבה רבתי כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א, וואו די חשוב׳ע מרביצי תורה און די הנהלת הישיבה זענען אריבערגעקומען איבערגעבן א באריכט פון די ישיבה.

דער רבי האט הנאה געהאט צו הערן וויאזוי דער זמן האט זיך אנגעהויבן אין יעדן איינציגן הינזיכט, רוחניות ווי גשמיות.

דער רבי שליט״א האט זיך פאראינטערעסירט אין יעדע קלייניגקייט, זיך נאכגעפרעגט איבער די סדר הלימודים, סדר הזמנים, און פארשידענע זייטיגע ענינים. ווי אויך האט מען דערביי אויסגעשמועסט פארשידענע וויכטיגע טעמעס און געהערט פערזענליכע הוראות והדרכות פונעם רבי׳ן שליט״א.

צום שלוס פונעם אסיפה האט דער רבי שליט״א גאר ווארים אנגעוואונטשן סיי פאר די חשוב׳ע מרביצי תורה און סיי פאר די חשוב׳ע חברי הנהלה, וואונטשענדיג אז יעדער איינער זאל מצליח זיין אין זיין ארבעט.

# 7 דרשות פתיחה בעפאר׳ן התחלת הזמן

**- דורך די חשוב׳ע רוחניות׳דיגע שטאב -**

געציילטע טעג בעפאר׳ן התחלת הזמן, אום דאנערשטאג פ׳ לך העעל״ט זענען אלע חשוב׳ע בחורים ארויסגעקומען אויף א ספעציעלע אסיפה, ביי וועלכן מען האט געהערט רייכע דרשות פון די רוחניות׳דיגע שטאב, סיי פון די ביז יעצטיגע מרביצי תורה און סיי דורך טייל פרישע אויפגענומענע כוחות, וועלכע האבן זיך אלע באגריסט מיט די חשוב׳ע בחורים און איבערגעגעבן וויכטיגע נקודות להצלחת הזמן.

מיט הערליכע דרשות האבן אויפגעטרעטן, די פאלגנדע מרביצי תורה ומשפיעים:

הרה״ג ר׳ ארי׳ דוב קארנבלי שליט״א, ראש השיעור; הרה״ג ר׳ יצחק יעקב ראזענפעלד שליט״א, מראשי השיעור; הרה״ג ר׳ יודא אלישע הורוויץ שליט״א; הרה״ג ר׳ שאול יצחק ראבינאוויטש שליט״א רב ביהמ״ד משכנות הרועים בקרית יואל; הר״ר ישראל הערש רייך שליט״א; הרה״ח ר׳ שמואל לייביש וויינבערגער הי״ו חבר הנהלת הישיבה; און הרה״ח ר׳ אלטר משה קליין הי״ו ממנהלי הישיבה.

יעדער האט ארויסגעברענגט אויף זיין שטייגער פארשידענע וויכטיגע נקודות למען הצלחת הזמן, ביי וועלכן עס פארלאנגט זיך די פולסטע צוזאמענארבעט פון די חשוב׳ע בחורים. ווי אויך איז שטארק אויסגעלויבט געווארן די ארבעט פון די הנהלת הישיבה שיעור ד׳, וועלכע האבן אראפגעלייגט אזא אומגלויבליכע ארבעט אהערצושטעלן די גאנצע ישיבה פון א׳ ביז ת׳, פון רוחניות ביז גשמיות, אין אזא קורצע צייט.

# פייערדיגע מחלוקה צווישן די בחורים און כולל יונגעלייט...

בארואיגט אייך! מיינט נישט אז מ׳האט זיך טאקע געקריגט מיט הענט און פיס ווי שונאים, ח״ו, אזאנס פאסירט נישט אין שיעור ד׳, נאר מ׳רעדט דא פון א צווייטע סארט קריגעריי, א מחלוקה לשם שמים.

דורכאויס די פארגאנגענע וואך האט איין טאג אינמיטן דורכטוען א שווערע שטיקל אין די סוגיא פון בדיקה וביטול אויסגעבראכן א פייערדיגע מחלוקה אין לערנען; די תלמידי חכמים פון מבצר הכוללים האבן געזאגט אזוי, און די יונגערע ת״ח, די בחורי חמד תלמידי הישיבה האבן געהאלטן אנדערש, און ס׳האט זיך געקאכט אהער און אהין א לענגערע צייט.

די טענער זענען ארויף, מ׳האט געפאקט גמרות מיט ראשונים, קיינער האט זיך אבער נישט געהאלטן ביים בייגן. אויך די מגידי שיעורים זענען פארמישט געווארן אין די מחלוקה און פרובירט שלום מאכן אבער אן ערפאלג. די גאנצע ישיבה איז מיטגעשלעפט געווארן מיט׳ן שטראם.

איי איז דאס געווען א נחת און תענוג רוחני מיטצוהאלטן!

# מייסטערהאפטע שיעורים דורך די בחורים

במשך די לעצטערע טעג זענען פארגעקומען מערערע שיעורים אינהאלב די חבורות אין די ישיבה, וואס די חידוש איז דאס מאל זענען געווען די מגידי שיעור די בני החבורה זעלבסט, וועלכע האבן פארגאפט אלע שומעי לקחם מיט זייערע הערליכע שיעורים וואס זיי האבן אראפגעגעבן כזקן ורגיל.

ס׳איז געווען א פארגעניגן מיטצוהאלטן ווי די בחורים געבן אראפ זייער שיעור מיט א לעבעדיגקייט בטוב טעם ודעת, און זייערע חברים פרעגן אריין און ס׳ווערט א תורה׳דיגע קאך אין לערנען, דער זאגט אזוי און דער זאגט אזוי, וואס איז געווען א נחת צוצוזעהן.

# מנהלי המוסדות פון ניו יארק שעפן נחת

- געבן איבער דערנאך זייער התפעלות פאר'ן רבי'ן שליט"א -

פארגאנגענעם מאנטאג פ' חיי שרה האבן אפגעשטאט אין די ישיבה חשוב'ע געסט, א דעלעגאציע פון די הנהלת מוסדותינו הק' פון וויליאמסבורג און פון בארא פארק, וואס אלס אזעלכע וואס האבן מיטגעהאלטן אויף טריט און שריט מיט די אנטוויקלונגען פון שיעור ד', ובפרט הערנדיג די גוטע גרוסן פון די שיינע הצלחה, האבן זיי באשלאסן אליינס ארויסצופארן קיין קרית יואל צו זעהן אויב ס'איז טאקע אמת דאס וואס זיי הערן.

די דעלעגאציע איז באשטאנען פון די בארימטע עסקנים נמרצים ופרנסי הציבור: הרה"ח ר' מנחם גרשון לעבאוויטש הי"ו מנהל המוסדות וויליאמסבורג, ואתו עמו הרה"ח ר' יחזקאל בערקאוויטש הי"ו חבר הנהלת המוסדות ווילאמסבורג, און הרה"ח ר' אהרן וועלץ הי"ו מנהל המוסדות בארא פארק.

אריינקומענדיג אין היכל ביהמ"ד האבן זיי נישט געגלייבט וואס זיי זעהן; דער היכל הביהמ"ד איז געפאקט מיט בחורים מתמידים בתורה, מ'הערט א מעכטיגער קול תורה, מ'האקט שטיקער. ס'איז מורא'דיג.

אגב צוזענדיג ווי די ספרים זענען נאכנישט געהעריג מסודר ווי ס'באדארף צו זיין, האבן די חשוב'ע עסקנים ונדיבים זיך אונטערגענומען צו באשטייערן שיינע סכומים צו קענען אויפשטעלן הערליכע ספרים שענק און מסדר זיין די ספרי הקודש כדת וכראוי.

די דעלעגאציע איז ארומגעפירט געווארן אין אלע חלקים פון די ישיבה, אין באגלייטונג פון העסקן הנמרץ הרה"ח ר' גדלי' סעגעדין הי"ו, אדמיניסטראטאר פון קרית יואל ווילידזש, און זיי האבן באוואונדערט די הערליכע ארבעט וואס מ'האט אזוי שיין און פולקאם אהערגעשטעלט אין אזא קורצע צייט.

זייענדיג אזוי איבערראשט פון זייער באזוך זענען די חשוב'ע געסט גליך אריבערגעגאנגען אל הקודש פנימה צום רבי'ן שליט"א, דערציילנדיג מיט התפעלות וואס זיי האבן געזעהן אין שיעור ד'. דער רבי האט אויפגעלעבט הערנדיג די גוטע גרוסן און ער האט זיך באדאנקט פאר'ן ברענגען די גוטע בשורות, און ער האט זיי ווארים אנגעוואונטשן אז זיי זאלן מצליח זיין אין זייער הייליגע ארבעט לטובת קהל עדתינו.



מנהלי המוסדות פון ניו יארק ביים פארלאזן די בנין הישיבה

# באזוכער אין שיעור ד' ווערן נתפעל

אין צוגאב צו די חשוב'ע געסט, ראשי הקהילות, עסקנים, מנהלי המוסדות, נדיבים וכדו', וואס זענען פון די עמטליכע געסט אין די ישיבה, איז שוין אויך א נארמאלע זאך צו זעהן סתם אידן, פרעמדע און היימישע, בעלי בתים און אברכים, וועלכע כאפן זיך אריין אויף א קורצע באזוך אין שיעור ד'.

ס'איז ווי נאטורליך אז אידן וואס קומען אהין אין די געגנט צו די 'אשת חיל' סענטער וכדו', ניצן אויס די זעלטענע געלעגנהייט אריינצוגיין באזוכן אינעם שכינות'דיגן מקום תורה און זיך אליינס איבערצייגן איבער די הערליכע הצלחה פון שיעור ד'.

די הנהלה איז שוין געוואוינט אבער נאכנישט געוווינט צו הערן די גוטע גרוסן וואס קומען צוריק פון פרעמדע אידן וואס געבן איבער זייערע איינדרוקן פון די הילכיגע קול תורה און נאבעלע התנהגות וואס זיי האבן צוגעזען אין שיעור ד'.

# חבורות פון "מבצר הכוללים" אין שיעור ד'

**איין חבורה באשיינט אין די פארמיטאג שעה'ן און אנדערע חבורה נאכמיטאג**

צו די אנגייענדע מעכטיגע רוח התורה וואס הערשט אין היכל הישיבה איז אסאך צו פארדאנקען די חשוב'ע הנהלה פון "מבצר הכוללים", וועלכע האבן מסדר געווען אז עטליכע חבורות פון די כוללים זאלן זיך קובע מקום זיין לתורה אין היכל הביהמ"ד פון שיעור ד', וואס שטעלט זיך ארויס צו זיין א געוואלדיגער תועלת להגדיל תורה ולהאדירה.

די אנוועזנהייט פון די חשוב'ע חבורות תלמידי חכמים ברענגט א שטארקע חיות התורה, סיי דאס עצם זאך אז צענדליגער תלמידי חכמים זיצן אין ביהמ"ד און פארוואנדלען דעם היכל הביהמ"ד פון שיעור ד' אלס א ריכטיגער בית ועד לחכמים, און סיי אז די בחורים האבן די געלעגנהייט צו קענען אנפרעגן און ארומרעדן אין לערנען בכל מכמני התורה, וואס דאס אלעס דערהייבט שטארק דער כח התורה ביי די בחורים.

# הערליכער שיעור בהלכה דורך ראש החבורה

צווישן די פילע שיעורים וואס קומען כסדר פאר, איז דעם פארגאנגענעם מאנטאג פ' חיי שרה פארגעקומען א הערליכער שיעור בהלכה אין ראם פון "חבורת מועד במועדו", פארגעלערנט דורכ'ן ראש החבורה הר"ר שלמה אלימלך שטיין שליט"א.

דער ראש החבורה האט געגעבן א שיינער שיעור פאר די בני החבורה, אין וועלכן ער האט אויסגעשמועסט שיינע ענינים און נקודות פון הל' חנוכה, אויף הלכה למעשה, אין וועלכן מ'איז אצינד עוסק, און ס'האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין א העפטיגער שיעור, ווען אינדערמיטן האבן די בחורים אריינגעפרעגט און מ'האט זיך מפלפל געווען אין לערנען, וואס האט געברענגט א שטארקע ריתחא דאורייתא.

# ערשטער שבת אינעם אייגענעם בנין

## מיט די באטייליגונג פון די חשוב'ע מרביצי תורה און חברי הנהלה

פארגאנגענעם פרייטאג פ' וירא, נאכ'ן פארברענגען די ערשטע וואך פונעם זמן אין צוויי באזונדערע לאקאלן, האט מען זיך ענדליך אריינגעצויגן אינעם אייגענעם צייטווייליגן בנין בשעטו"מ.

טראץ דעם וואס דער בנין איז דעמאלטס נאך אויך נישט פארטיג געווען מיט'ן גאנצן בשלימות, האט מען אבער געזוכט זיך אריינצוציען דערין אין די ערשטע מעגליכקייט כדי צו קענען אנהייבן די סדרים און פראווען דעם ערשטן שבת פונעם זמן אינעם אייגענעם בנין מיט גרויס הצלחה, ווי אויך צוליב וואס די ארויסגעדינגענע שטיבער אין "קרן ויואל משה" איז שוין געווען רעזערווירט אויף שבת פאר געסט.

במשך דעם פרייטאג טאג ביז ממש הארט פאר'ן זמן האט מען פעסט געארבעט צו ענדיגן מסדר זיין און אויסרישן דעם בנין אויפ'ן בעסטן פארנעם וויפיל ס'פעלט זיך אויס.

די ערשטע אפיציעלע באניץ פונעם בנין פאר די בחורים איז געווען שבת קודש פ' וירא, די ערשטע שבת פונעם זמן, וואס איז געפראוועט געווארן מיט א געוואלדיגע דערהויבנקייט בשבת אחים גם יחד.

צו די תפילות שבת זענען ארויפגעקומען די חשוב'ע חברי הנהלה, וועלכע האבן הנאה געהאט מיטצודאווענען אינאיינעם מיט די בחורים.



די בחורים ציען זיך אריבער צום נייעם בנין הישיבה

די סעודות זענען באשיינט געווארן דורך די חשוב'ע מרביצי תורה ומשפיעים, הרה"ג ר' ארי' דוב קארנבלי שליט"א, הרה"ג ר' יצחק יעקב ראזענפעלד שליט"א, הרה"ג ר' יודא אלישע הורוויץ שליט"א, און נאך, וועלכע האבן אלע צוגעגעבן אסאך געשמאק און טעם צו די ווארימע טישן מיט די בחורים.

# געהויבענער מעמד יציקת בורות המקוה

## - אין שפיץ פון כ"ק מרן רבינו שליט"א ומורי הוראה -

מיטוואך פארמיטאג פ' וירא איז פארגעקומען א הערליכער מעמד יציקת הבורות פאר די נייע מקוה וואס ווערט אויפגעשטעלט נעבן דעם בנין.

צו דעם געלעגנהייט איז דער רבי שליט"א פערזענליך אריבערגעקומען מיטצוהאלטן ווי מ'גיסט די יסודות פון די מקוה. ווי אויך זענען אנועזנד געווען הגה"צ רבי יוסף בנימין וואזנער שליט"א רב דקהלתינו הק' בלאנדאן וועלכער האט דאן געווײלט אין ניו יארק צו א משפחה שמחה; הגה"צ רבי חנוך העניך אשכנזי שליט"א רב ביהמ"ד אבני צדק, הגה"צ רבי שמחה שלום שטיינבערגער שליט"א רב ביהמ"ד דברי חיים, און נאך.

ס'איז געווען א נחת צוצוזעהן דאס בילד ווי בעפאר'ן גיסן די יסודות זענען די בחורים ארומגעפירט געוואן דורך די צוויי חשוב'ע מומחים, הרה"ח ר' אביגדור הכהן ראזענבערג הי"ו און הרה"ח ר' אברהם יושע ווערצבערגער הי"ו משמש קהל יטב לב קרית יואל, וועלכע האבן אויסגעשמועסט מיט די בחורים פארשידענע אינטערעסאנטע פרטים בבניית המקוה.

נאכ'ן יציקת הבורות איז דער רבי שליט"א אריין אינעם בנין הישיבה וואו דער רבי האט באוואונדערט די מייסטערהאפטע ארבעט וואס איז אריינגעלייגט געווארן דורך די געטרייע הנהלה, צוצורישן דאס ארט פאר'ן באנוץ פון די ישיבה.

עס איז אפגעראכטן געווארן א שיינער מסיבת לחיים לכבוד המאורע, ביי וועלכן די תלמידים האבן מנעים געווען בשירה וזמרה, און עס האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' ארי' דוב קארנבלי שליט"א ר"מ, דערנאך דער חשוב'ער גאסט דער לאנדאנער רב שליט"א, און דאן האט כ"ק מרן רבינו שליט"א משמיע געווען דברות קודש און דברי חיזוק פאר די חשוב'ע בחורים רבנן ותלמידיהון, און באזונדער פאר די חשוב'ע הנהלת הישיבה.

אגב איז דא דער פלאץ זיך צו באדאנקען פאר די שמשים און מקוה אידן פון די דערנעביגע מקוואות אין ביהמ"ד אבני צדק און אין ביהמ"ד בית ברוך, וועלכע שטעלן זיך צו מיט אן איבערגעגעבנהייט אז די בחורים זאלן זיך קענען באניצן מיט די ארומיגע מקוואות ביז ווילאנג די נייע מקוה ביי שיעור ד' ווערט פארטיג.



יציקת בורות המקוה



מסיבת לחיים נאכ'ן יציקת בורות המקוה

# התרגשות'דיגער בליץ-באזוך

# פון רבי'ן שליט"א





פארגאנגענעם מיטוואך פארמיטאג זענען די חשוב'ע תלמידי הישיבה איבערראשט געווארן ווען פלוצים אומערווארטעט איז ערשינען דער גרויסער ריש מתיבתא רבתי הוד כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואס נאכדעם וואס ער האט שוין נאכגעהערט אזויפיל גוטע גרוסן פון די ישיבה, האט ער גענומען די מיה און זיך פערזענליך מטריח געווען אריבערצוקומען שעפן נחת דקדושה און זיך אומקוקן אויף די הלך ילך אין די ישיבה.

דער רבי שליט"א איז צום ערשט אריינגעגאנגען אין היכל ביהמ"ד, און ער איז שטארק נתפעל געווארן צו זעהן אזא הערליכע מחזה, ווי דער היכל הביהמ"ד איז פיל מיט בחורי חמד, און מ'זיצט און מ'האקט שטיקער אויפ'ן קול מיט גרויס התמדה.

דער רבי האט זיך ארומגעדרייט ביי די טישן און זיך אפגעשטעלט ביי עטליכע חברותות, מיטהאלטנדיג ווי מ'לערנט און ער האט זיך מפלפל געווען מיט די תלמידים, וואס האט געברענגט א שטארקע חיות אינעם גאנצן היכל.

דערביי האט זיך דער רבי שליט"א געטראפן מיט'ן איידעם הגה"צ ר' יוסף רוקח שליט"א, מרבני מבצר הכוללים, וועלכער איז פון די חבורות לומדי הכולל וואס האבן זיך קובע געווען אין שיעור ד'. ווי אויך האט דער רבי שליט"א זיך געטראפן מיט'ן אייניקל הבה"ח פרצע"ח הרב יואל אשכנזי שליט"א, מאריות שבחבורה אין שיעור ד', בן הגה"צ רבי חנוך העניך שליט"א חדב"נ ורב ביהמ"ד אבני צדק.

דערנאך איז דער רבי שליט"א אריינגעאנגען אין איינע פון די שיעור צימערן, וואו עס איז פונקט דעמאלטס פארגעקומען א שיעור פון הרה"ג ר' יודא אלישע הורוויץ שליט"א, און דער רבי שליט"א האט זיך צוגעקוקט מיט א קורת רוח ווי דער מגי"ש גיט א שיעור בסוגיא בדיקה וביטול אין וואס מ'איז יעצט עוסק אין שיעור ד', און די בחורים האלטן מיט און לעבן ביים שיעור.

דער רבי שליט"א איז אויך ארומגעגאנגען איבער אלע אנדערע חלקים פון די ישיבה, באוואונדערנדיג די הערליכע ארבעט וואס די הנהלת הישיבה האט אריינגעלייגט אין אזא קורצע צייט צוצורישן אלע הצטרכות אויפ'ן שענסטן פארנעם לתועלת התלמידים.

דאן האט דער רבי שליט"א פארלאזט די ישיבה ארויסגייענדיג מיט א שטארקע התפעלות פון די אומגלויבליכע שיינע הצלחה אין שיעור ד', וואונטשענדיג אז מ'זאל ווייטער מצליח זיין מחיל אל חיל.

# גבאים פון די "חברה קנין ספרים" שטארק אקטיוו



די צייטווייליגע ספרים שאנק...

ווי אין יעדע ישיבה האט מען אויך דא אין שיעור ד' אויפגענומען צוויי טעטיגע גבאים, וועלכע זענען געשטעלט געווארן זיך אפצוגעבן מיט אלעם ארום די ספרי קודש פון די ישיבה.

די גבאים הב' משה יוסף פריעדלענדער נ"י און הב' אברהם מנחם פייערשטיין נ"י האבן זיך גלייך אריינגעווארפן אין זייער ארבעט מיט גרויס פלייס, בפרט יעצט ווען די ישיבה איז נאך א נייע זאך און ס'פארלאנגט זיך יעצט אסאך ארבעט צו קענען איינקויפן אלע ערליי ספרים, פון א' ביז ת', וואס ס'פארלאנגט זיך פאר א מקום תורה, אנגעהויבן ביי סידורים, תהלים, חומשים, תנ"ך, גמרות, ספרי הלכה, ספרי מוסר, ספרי חסידות וכדו', און דערביי מסדר זיין אלע ספרים על מקומם הראוי.

אין די זעלבע צייט זארגן זיך די גבאים אויך אויפ'ן געלט חלק, ארומגייענדיג צו נדיבים בעם אויפצוטרייבן די נויטיגע סכומים צו קענען איינקויפן און מסדר זיין די ספרי קודש ללימוד התורה.

ווי די גבאים דערציילן ווערן זיי ווארים אויפגענומען דורך די חשוב'ע נדיבים ביי אנ"ש, וועלכע רופן זיך אן מיט שיינע סכומים פארשטייענדיג אז ס'איז יעצט א גאלדענע געלעגנהייט צו קענען אפקויפן זכותים אדירים פון תורה ותפלה, וואס וועט גיין אויף זייער קאנטע בזה ובבא.

אגב מעלדן די גבאים מיט א פרייליכקייט, אז א דאנק די ווארימקייט פון אוהבי תורה האט מען שוין די וואך באשטעלט א גרויסע ארדער פאר מערערע ערליי וויכטיגע ספרים אין די ווערד פון $20,000.

# מערערע חבורות אונטער איין גרויסע חבורה

ווי א פרעכטיגער בוים וואס האט אויף זיך מערערע צווייגן איז די ישיבה שיעור ד', וואס איז איין גרויסע חבורה בשבת אחים גם יחד, וואס אנטהאלט אין זיך מערערע קלענערע חבורות, אין וועלכע די בחורים זענען גרופירט ללימוד התורה.

די הנהלה רוחניות האט ספעציעל מסדר געווען מערערע ערליי חבורות, צו געבן א געלעגנהייט פאר די בחורים צו קענען עוסק זיין אין מערערע מקצועות בתורה, ווי גפ"ת, שו"ע, סוגיות, וכדו', כל אחד כפי מה שלבו חפץ.

פאלגנד איז א טייל פון די אנגייענדע חבורות אין די ישיבה אויף א טעגליכן פארנעם:

פארטאגס און פארמיטאג: חבורת ש"ס, בראשות הרה"ג ר' ארי' דוב קארנבלי שליט"א, וואו מ'לערנט יעצט מס' עבודה זרה.

פארמיטאג: חבורת סוגיא, בראשות הר"ר יואל מארקאוויטש שליט"א, וואו מ'לערנט יעצט אדורך די סוגיא בדיקה וביטול, די גמרא מיט די ראשונים וכדו'.

פארמיטאג: חבורת תורתך שעשועי, בראשות הר"ר ישראל הערש רייך שליט"א, וואו מ'לערנט גמרא מיט שו"ע, ווי אויך תנ"ך.

נאכמיטאג: חבורת מועד במועדו, בראשות הר"ר שלמה אלימלך שטיין שליט"א, ראה"כ ש"ס במבצר הכוללים קרית יואל, וואו מ'לערנט אדורך הלכות חג בחג. אצינד לערנט מען הל' חנוכה, און שפעטער וועט מען לערנען הל' פורים, הל' פסח וכדו'.

נאכמיטאג און ביינאכט: חבורת ש"ס, בראשות הרה"ג ר' יצחק יעקב ראזענפעלד שליט"א, וואו מ'לערנט מסכת חגיגה.

נאכמיטאג: חבורת הליכות עולם, בראשות הרה"ג ר' שאול יצחק ראבינאוויטש שליט"א, רב ביהמ"ד משכנות הרועים, וואו מ'לערנט אדורך די וויכטיגע הלכות הנוגעים מדי יום ביומו פון שו"ע אורח חיים.


די בחורים אינמיטן סדר הישיבה בהיכל הביהמ"ד

# צוויי מזל טוב'ס אין איין נאכט

## - נאכגעפאלגט מיט א פרישע שידוך א טאג דערויף ב"ה -

דער זמן האט זיך ב"ה אנגעהויבן מיט'ן רעכטן פיס בשעטו"מ, נאכדעם וואס שוין אין די ערשטע טעג פונעם זמן האט מען אין איין נאכט געהאט 2 שמחות אין די ישיבה, ווען צוויי חשוב'ע בחורים זענען חתנים געווארן למזל טוב, און ס'האט געברענגט אן אויפגעהייטערטע פרייליכע שטימונג ביי אלע בחורים.

פארגאנגענעם דינסטאג ביינאכט, יום ג' שנכפל בו כי טוב, האט אויסגעבראכן א דאפעלטע מזל טוב אין ישיבה, ווען ס'איז אריינגעקומען די נייעס אז צוויי חשוב'ע בחורים זענען ב"ה א חתן געווארן, הלה המה: הב' אליעזר מאשקאוויטש נ"י, בן הגה"צ דומ"ץ קרית טאהש שליט"א, און הב' יצחק יואל ווידער נ"י פון בארא פארק.

א טאג דערויף איז ווידער געקומען א מזל טוב ווען הב' אלימלך סרוגא נ"י איז א חתן געווארן למזל טוב, און מ'האפט ווייטער צו הערן גוטע בשורות מיט שמחות בעז"ה.

אגב איז שידוכים אן אפיציעלע טעמע אין די ישיבה, ווען אלס איינס פון די רוטינע אונטערנעמונגען האט די חשוב'ע הנהלה גענומען אויף זיך ארויסצוהעלפן די בחורים אין ענינים פון שידוכים, וואס איז א שטארקע תועלת פאר די בחורים און עס ווערט ברייט באגריסט דורך יעדן איינעם.


רבינו שליט"א שעפט נחת דקדושה ביים זיך אומקוקן בהיכל הישיבה.


רבינו שליט"א וואונטשט מזל טוב פאר החתן בן הגה"צ דומ"ץ טאש - מתלמידי ישיבתינו




# חדר הגבאים

## שע"י ישיבה גדולה תורה ויראה ד'סאטמאר

### שיעור ד'

נתייסדה ע"י כ"ק מרן רביהקוה"ט בעל דברי יואל זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א

## וכל העוסקים בצרכי ציבור באמונה הקב"ה ישלם שכרם

ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה להתחיל בכי טוב בהצלחה מרובה באופן נעלה ונשגב , וקול התורה והתפילה נשמע באהלינו יראו עינינו וישמח לבנו נזמר בשבחין למיעל גוי פתחין להביע עמקי הכרת הטוב להני העסקנים העוסקים בצרכי ציבור באמונה, כולם אהובים , כולם ברורים עוסקים בעבודת הקודש בכל לבבם ונפשם לשפר חבורתינו החשובה בבחינת מעלין בקודש יומם ולילה לא ישבותו לשרת פה מקדש מעט שמכאן תצא אורה לעולם, ותודה להשי"ת שמצאנו חן בעיניהם לנטוע לנו אשל מלא עם מקוה טהרה ובהמ"ד מפואר שנוכל להתעלות בעבודת השי"ת בהרחבת הדעת בקדושה ובטהרה ומגלגלין זכות ע"י זכאי ובפרט זיכוי הרבים לדורות עולם אוצר של תורה ויראת שמים ע"ד שקבלנו מרבותינו הקדושים זכותם יגן עלינו ונמשכת ע"י יבלחט"א הוד מרן רבינו הגה"ק שליט"א

**ה"ה הנגידים החשובים**

מו"ה **שלמה בריסק** הי"ו

מו"ה **שמואל לייבוש וויינבערגער** הי"ו

מו"ה **אברהם סופר** הי"ו

מו"ה **אלימלך הכהן דייטש** הי"ו

מו"ה **אהרן שמואל שרייבער** הי"ו

מו"ה **יוסף גרובער** הי"ו

מו"ה **שלום יוסף לעווינגער** הי"ו

חברי הנהלת ישיבתינו הק'

וכאן המקום להודות להאברך המפואר שהי' לנו לראש פינה להמציא ולארגן ולמצוא אוזן קשבת אצל הני אנשי חיל ורבי הפעלים עד שנולד לנו באר חדש שישקו ממנו כל העדרים בצמאון, בלב ובנפש עומד לעזרתינו להגדיל תורה ולהאדירה, ולמסור א"ע באמונה

**ה"ה האי גברא יקירא**

מו"ה **שמעון יואל גוטמאן** הי"ו

אדמיניסטראטער דישיבתינו הק'

ישלם ה' פעליכם וברכת התורה יחולו על ראשיכם
הרחמן הוא ישלח ברכה והצלחה בכל מעשי ידיכם מנוחת הנפש וחיי נחת דקדושה
עם סייעתא דשמיא עדי נזכה להרמת קרן התורה וישראל בביאת גואל צדק ומלכינו בראשינו בב"א

המברכים ביקרא דאורייתא בלב ונפש חפיצה וברגשי הכרת הטוב מעומקא דליבא

**תלמידי ישיבה גדולה תורה ויראה דרב"י דסאטמאר - שיעור ד'**

יוסף אבערלאנדער - מאיר יודא איידליס - שמחה בונם אייזנבאך - שניאור זלמן אייזנבאך - אהרן דוד אלטמאן - אהרן ברוך בערגער - שלמה שמשון בראווער - ישראל ברוין - אלכסנדר נפתלי ברוינער - יהודא לייב גאלדבערגער - חיים משה גאלדשטיין - יואל גאלדשטיין - יוסף גאלדשטיין - יואל בראה"ד גליק - יואל ברא"י גליק - יוסף יצחק גליק - יושע אליעזר גליק - ישעי' גליק - יעקב יודא גראסבערג - יושע מרדכי דאנציגער - ישעי' יואל דייטש - ברוך נחמן הערשקאוויטש - אלי' וואלבערג - יצחק יואל ווידער - שמואל ירמי' וויטריאל - דוד לייב ווייזער - אפרים פישל ווייס - זושא ווייס - יחזקאל שרגא ווייס - שמואל דוד שלום ווייסמאן - יוסף וועבער - שמעון וועבער - יעקב יונתן וועזעל - עקיבא שמואל וועלץ - לוי יצחק ווערטהיימער - חיים אליעזר זינגער - יואל יאזשעף - שמואל בנימין כ"ץ - יעקב יואל כהן - אביגדור כהנא - יהודא לאנדא - משה יואל לאנדא - יואל לעפקאוויטש - אליעזר מאשקאוויטש - עלי מזרחי - אברהם יצחק מענדלאוויטש - מאיר וואלף מענדלאוויטש - יואל זאב נפתלי ניימאן - משה בנציון סאנדעל - נתן נטע סאנדעל - שלום סופר - אלימלך סרוגא - משה סרוגא - אפרים צבי פארקאש - יואל פארקאש - אברהם מנחם פייערשטיין - יואל פייערשטיין - מאיר צבי הירש פייערשטיין - אברהם מרדכי פישביין - מענדל גרשון פעלדמאן - חיים יוסף פערל - משה יוסף פרידלענדער - קלמן אליעזר פרידלענדער - אהרן ישעי' פרייזלער - אברהם יושע פריינד - יצחק פריינד - אלי' בצלאל פריעדמאן -יואל פרענקל - יואל קארנבלי - יואל קלאגסבאלד - משה אלי' קלאר - יעקב יצחק קליין - מאיר אלי' קראוס - דוד קרויס - אהרן אליעזר ראזענבערג - יצחק יעקב ראזענבערג - אלי' ראטה - שלום ראטה - יוסף רוטנער - מאיר רוטנער - יואל שרגא פייבל רויזענוואססער - אברהם יושע שווארץ - ישראל מנחם שווארץ - מאיר הערש שווארץ - יעקב שטיין - יושע שפיטצער - יעקב אלכסנדר מאיר שפיטצער - אהרן יוסף שפילמאן - ישראל מנחם שרייבער

גם אנו מצטרפים לעומתכם בברכה מרובה וזכות זיכוי הרבים יעמוד לכם ולב"ב להתברך בכל מילי דמיטב

צוות רמ"י ישיבתינו הק'

**הרב ארי' דוב קארנבלי, הרב יצחק יעקב ראזענפעלד, הרב שאול יצחק ראבינאוויטש**
**הרב יודא אלישע הורוויץ, הרב ישראל הערש רייך, הרב יואל מארקאוויטש, הרב שלמה אלימלך שטיין**
**הרב אלטער משה קליין**, מנהל

Fine Design · 845.666.6633